# ויקהל*

א. אין סוף פונעם לעצטן פרק פון הלכות בית הבחירה, אין וועלכן דער רמב״ם איז מבאר די דינים פון שמירת המקדש — נאָך דעם וואָס ער איז מתאר (אין הלכה יא) ווי אַזוי די כהנים האָבן יעדן אינדערפרי („בשחר קודם שיעלה עמוד השחר סמוך לו״) בודק געווען (מיט „שתי אבוקות של אור בידם״) אין דער עזרה צי אַלץ איז דאָרט אין אָרדע־נונג — פירט אויס דער רמב״ם (אין אַ הלכה — יב — בפני עצמה):

„כסדר הזה עושין בכל לילה ולילה חוץ מלילי שבת שאין בידם אור אלא בודקין בנרות הדלוקין שם מערב שבת״.

איז ידוע די שאלת המפרשים[1]: דער דין איז דאָך (ווי דער רמב״ם פסק׳נט בכמה מקומות[2]) אַז „אין שבות במקדש״, און טלטול הנרות בשבת איז דאָך נאָר אַן איסור „שבות״[3] — היינט פאַרוואָס איז מען משנה בלילי שבת אַנדערש, אַז „אין בידם אור אלא בודקין בנרות הדלוקין שם מערב שבת״?

דער כסף משנה ענטפערט, אַז „שאני הכא דאפשר בנרות הדלוקין מערב שבת״, וויבאַלד ס׳איז דאָ אַן אפשריות צו בודק זיין און דערביי אויסמיידן דעם „שבות״, איז מען דעמאָלט ניט מתיר דעם שבות.

דער תירוץ איז אָבער צ״ע (ווי אַנדערע מפרשים פרעגן[4]): דער רמב״ם פסק׳נט (אין הלכות עבודת יום הכיפו־רים[5]) אַז „הי׳ כהן גדול זקן או חולה מלבנין עששיות של ברזל באש מבערב ומטילין אותן למחר במים כדי להפיג צינתן שאין שבות במקדש״ — כאָטש אַז אויך אין דעם פאַל קען מען דאָס באַ־וואָרענען באופן אחר (עס זאָל ניט זיין קיין שבות), ווי דער רמב״ם אַליין פירט אויס „או מערבין מים חמים במי המקוה כדי שתפיג צינתן״[6].

זאת ועוד: דער רמב״ם פסק׳נט[7] אַז אויב דער כהן גדול „בקש להתנמנם״ — איז „פרחי לוי׳ מכין לפניו באצבע צרדה״, חאָטש דאָס איז אַ שבות (ווי דער רמב״ם פסק׳נט אין הלכות שבת[8]), און ס׳איז אפשר בענין אחר — עס זיי־נען פאַראַן אַנדערע מיטלען אויף צו העלפן דעם כהן גדול זיין וואַך.

---

*) וסיום הל׳ ביהב״ח להרמב״ם, פרקיו שמונה (ראה ברייתא מעשה תורה אות ח — והבוחר יבחר), והלכותיו קלז (ועי״ד ל׳ הרמב״ם הל׳ חנוכה פ״ג סוף הי״ב) סימן להם שנותיו של לוי, שנבחר לשרת בביהב״ח. וראה מכילתא בתחלתה: עד שלא נבחר אהרן כו׳. — ואם שגיתי ה׳ יכפר.

1) כסף משנה כאן. תויו״ט לתמיד פ״א מ״ג. ועוד. וראה בזה (ובהבא לקמן) — שד״ח כללים מערכת האל״ף כלל רפג. פאת השדה שם כלל יז. אנציקלופדי׳ תלמודית כרך א׳ ערך „אין שבות במקדש״. ושנ״ן.

2) הל׳ שבת פכ״א הכ״ז. הל׳ עבודת יוהכ״פ פ״ב ה״ד. הל׳ ק״פ פ״א הט״ז. ועוד.

3) רמב״ם הל׳ שבת פכ״ה ה״י.

4) ראה מל״מ כאן. ועוד.

5) שם.

6) יש אומרים (הובאו בשד״ח ואנציקלופדי׳ תלמודית שם) דהתם שאני משום דהטלת המים וכו׳ הוא טורח גדול, ולכך לא מקרי אפשר באופן אחר. ועוד יש לומר, דכיון שתלוי בהכנת מים רבים הדורשים כלים רבים וכו׳, יש חשש שמא מרוב הפרטים ישכחו הכהנים פרט א׳ וכו׳, ולפיכך הותרה שבות זו. ולכאורה דוחק הוא.

7) הל׳ עבודת יוהכ״פ פ״א ה״ח.

8) פכ״ג ה״ה ובכסף משנה שם.

ב. בפשטות קען מען מחלק זיין:

דער כלל פון „אין שבות במקדש" אויך בדאפשר בענין אחר, איז בלויז ווען דאס איז אן עראי — דהיינו, עס מאכט זיך א ספעציעלער מצב וואס קען באַ־וואָרנט ווערן דורך אַ שבות, איז דע־מאָלט דאַ דער היתר שבות במקדש אפילו ווען מ'קען טאָן באופן אחר; ווי לדוגמא אויב „הי' כהן גדול זקן או חולה" אָדער אויב „בקש להתנמנם". דאָס הייסט, סדר הקבוע קען ניט זיין פאַרבונדן מיט אַ שבות, נאָר במקרים מסויימים קען מען אָנקומען צום היתר.

בנדון דידן רעדט זיך דאָך וועגן איינ־שטעלן אַ סדר קבוע פון הנהגת הכהנים בכל שבת ושבת, און דערפאַר איז ווי־באַלד ס'איז אפשר באופן אחר, איז מען ניט קובע הנהגת הכהנים באופן כזה אַז מען זאָל שטענדיק דאַרפן טאָן שבות במקדש.

די הסברה איז אָבער ניט מספיקה, ווייל מען געפינט דעם היתר פון שבות במקדש אויך אין אַ פאַל וועלכער איז אַ סדר קבוע: ווען ערב פסח איז חל להיות בשבת, איז דער דין[9] אַז מען איז מפשיט דעם עור פון דעם קרבן על גבי המק־לות, פונקט ווי בחול, אע"פ אַז ס'איז אפשר באופן אחר.

און ס'איז אַ דוחק צו זאָגן, אַז ע"פ שחל להיות בשבת איז גערעכנט ווי עראי, וויבאַלד ס'איז אַ קביעות נאָר מזמן לזמן.

ג. אין די הלכות הנ"ל בסיום הלכות בית הבחירה — זיינען פאַראַן נאָך כמה דיוקים כלליים:

א) פאַרוואָס ברענגט דער רמב"ם אָט־דעם ענין — אין הלכות שמירת בית הבחירה? — די הלכות ביז הלכה יא, געהערן צו דעם פרק, אין זיי רעדט זיך וועגן שמירת המקדש[10]; אָבער תוכן הלכה יא והלכה יב איז לכאורה ניט שייך צו שמירת המקדש, נאָר צו (דער הכנה והקדמה צו) סדר עבודת היום — מען האָט געדאַרפט בודק זיין צי אַלץ אין דער עזרה איז כדבעי למהוי אויף צו אָנהויבן טאָן די עבודת היום — באַ־לאַנגט עס אין הלכות תמידין ומוספין (און עס שטייט טאַקע דאָרט[11] בקיצור)?

ב) די לעצטע הלכה (יב) איז אַ המשך פון דער הלכה שלפני' (וכמפורש — כסדר הזה (פון הל' יא) עושין כו') נאָר מ'איז מוסיף, אַז בשבת איז געווען אַנדערש — איז פאַרוואָס האָט עס דער רמב"ם אויסגעטיילט אין אַ הלכה בפני עצמה? ובפרט אַז, כידוע, איז הפרדת ההלכות ברמב"ם בדיוק, און מ'לערנט אַפּ דערפון וכו'[12].

ד. דער ביאור בזה:

דער רמב"ם איז מבאר בתחלת הפרק, אַז שמירת המקדש איז ניט מפחד אויבים וכו' נאָר משום כבוד המקדש, ווייל „אינו דומה פלטרין שיש עליו שומרין לפלטרין שאין עליו שומרין".

פון דעם איז מובן, אַז די פרטים וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דעם פרק (פרק ח) זיינען משום כבוד המקדש.

---

9) ראה רמב"ם הל' ק"פ פ"א הי"ד וט"ז. וראה מעשי למלך על הרמב"ם כאן. ועוד.

10) וראה לקמן סעיף ח.

11) ריש פרק ו.

12) ראה לדוגמא — הל' ת"ת לאדה"ז פ"א קו"א סק"א (ג, א [תתרז, א]). — וברמב"ם הוצאת פרנקל (ירושלים, תשל"ה) תוקן פיסוק ההל' ברמב"ם בכ"מ — ראה הקדמת המו"ל לס' זמנים 12, ב.

ע״פ זה קען מען זאגן, אז אויך דער ענין הבדיקה איז משום כבוד הבית — און מהאי טעמא האט דער רמב״ם אריינגעשטעלט די הלכות (יא און יב) אין דעם פרק:

די בדיקה איז געטאן געווארן (בעיקר) ניט (נאר) אלס הכנה צו עבודת המקדש, נאר אלס כבוד המקדש. וכמבואר במק״א[13] בארוכה, אז דער תוכן הכבוד דורך שמירת המקדש באשטייט אין דעם, וואס די שמירה ווייזט אז מ׳איז ניט מסיח דעת פונעם מקדש, איז עד״ז בנוגע דער בדיקה — דערמיט וואס יעדן אינדערפרי איז מען בודק וכו׳ איז מען מוסיף אין כבוד המקדש.

וע״פ זה יומתק וואס די כהנים הבודקים (נאך דער בדיקה) האבן געזאגט אלו לאלו „שלום הכל שלום״ — און ניט א לשון וואס איז, לכאורה, מער מתאים צו זאגן אז אלץ איז בסדר ומוכן לעבודת המקדש (ווי „הכל במקומו״[14], אדער „הכל כראוי״ וכיו״ב) — ווייל דאס איז א לשון של כבוד.

ה. לפי זה וועט פארענטפערט ווערן די שאלה הנ״ל אין דער לעצטער הלכה, ובהקדים:

אין דעם ענין פון נס השמן דחנוכה, וואס „טמאו כל השמנים שבהיכל כו׳ בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהי׳ מונח בחותמו של כהן גדול, ולא הי׳ בו אלא להדליק יום אחד נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים״[15] — איז ידוע די שאלה[16]:

עס איז פאראן א דיעה[17] אז „טומאה הותרה בצבור״ — איז (לדעה זו) פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט מאכן א נס (השמן); מ׳האט דאך געקענט מדליק זיין די נרות אויך מיט שמן טמא?

ענטפערן אויף דעם מפרשים[18]: אע״פ אז טומאה הותרה בצבור, האט אבער דער אויבערשטער געוואלט ווייזן „חיבתן של ישראל״, און דעריבער האט ער געמאכט דעם נס כדי אידן זאלן מקיים זיין די מצוה פון הדלקת נרות המנורה אין אן אופן וואס מ׳דארף ניט אנקומען צום „היתר״ פון „טומאה״.

דאס הייסט: דאס וואס „טומאה הותרה״ איז עס בנוגע עבודתן של ישראל; אבער בנוגע חיבתן של ישראל, דארף מען אויסמיידן טומאה אפילו באופן ווען „הותרה״.

אזוי יש לומר בעניננו:

ווען בדיקת הכהנים במקדש וואלט געווען נאר א סתם הנהגה במקדש, אדער אפילו א חלק פון עבודת המקדש, איז דער דין אז „אין שבות במקדש״ (און ווי דער רמב״ם זאגט[19]) אז דאס איז א „היתר״, מלכתחילה;

וויבאלד אבער אז די בדיקה איז פארבונדן מיט כבוד המקדש, הדגשת גודל כבוד המקדש (וע״ד וואס „לא מן המקדש אתה ירא אלא ממי שצוה על יראתו״[20], אזוי אויך בנוגע כבוד המקדש) איז ביי דעם ניט מתאים אז די בדיקה זאל מלכתחילה זיין אין אן אופן

---

13) לקו״ש חי״ג ע׳ 61 ואילך.

14) ראה פירוש הרע״ב לתמיד שם. פירוש הרא״ש שם (תמיד כח, סע״א). ועוד.

15) שבת כא, ב.

16) ראה בכ״ז אנציקלופדי׳ תלמודית כרך טז ערך חנכה ע׳ רמד־רמה. וש״נ.

17) פסחים עז, א. וש״נ.

18) פנ״י שבת שם. ועוד.

19) הל׳ ק״פ שם הט״ז.

20) יבמות ו, א. וראה לקו״ש שם ע׳ 62 הערה 47.

**אז מען דאַרף אַנקומען צו אַ היתר פון „אין שבות במקדש".**

**ו. דערמיט איז אויך מובן פאַרוואָס דער פּרט אין דער בדיקה — אַז בשבת איז זי געווען אַנדערש ווי בחול — איז (א) שייך צו הלכות בית הבחירה און (ב) קומט אין אַ הלכה בפני עצמה — היות אַז דערמיט קומט צו נאָך אַ גרעסערע און שטאַרקערע הדגשה אין כבוד המקדש:**

**מ'האָט ניט נאָר בכלל בודק געווען דעם מקדש יעדן טאָג כדי להדר בכבודו (הל' יא), נאָר נאָכמער (הל' יב): די בדיקה איז געווען אין אַן אופן מהודר ומכובד, וואָס דערפאַר האָט מען (בשבת) ניט גענוצט קיין היתר (פון „אין שבות במקדש"), נאָר מען האָט בודק געווען מיט נרות הדלוקין שם מערב שבת.**

**ומטעם זה איז דאָס דער סיום פון פּרק ח פון הלכות בית הבחירה (וועל־כער רעדט, כאמור, וועגן כבוד המקדש) וואָרום אין דער הלכה ווערט אַרויסגע־בראַכט דער מכבד זיין דעם מקדש אויפן העכסטן אופן — אַ הנהגה בהידור מן ההידור.**

**ז. עוד יש לומר בזה — ובהקדים:**

**בנוגע צו מלאכה במקדש בשבת גע־פינט מען צוויי הפכים: פון איין זייט איז עבודת התמידין והמוספין (ושאר קרבנות הצבור שזמנם קבוע) ניט נאָר דוחה שבת און מותר בשבת, נאָר ס'איז אַ מצוה[21]; מאידך גיסא אָבער איז דער דין[22], אַז „אין בנין בית המקדש דוחה שבת", ווי מען לערנט עס אויך אָפּ אין מכילתא ריש פרשתנו[23] דערפון וואָס משה האָט מקדים געווען דעם ציווי פון איסור מלאכה בשבת צום ציווי פון מלאכת המשכן.**

**ויש לומר ההסברה בזה:**

**נאָך דעם וואָס דער מקדש איז שוין אַ מקום קדוש בשלימות, און עס רעדט זיך וועגן אַ פּרט, אַ מלאכה אין בית המקדש, דעמאָלט ווערן זיי ניט גע־רעכנט אַ מעשה חול, בקודש איז יעדע זאַך[24], ניט קיין מעשה חול, נאָר אַן ענין פון קדושה, במילא איז אין דעם ניטאָ קיין חילול שבת;**

**ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן אויפמאַכן דעם בית המקדש והקדושה שבו, האָט ניט קיין אָרט אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן מיט אַ מעשה שיש בו משום חילול שבת.**

**[וע"ד דעם ביאור וואָס אַנדערע מפרשים[25] זאָגן לגבי דעם נס השמן דחנוכה — אַז דאָס וואָס מען האָט דאָן ניט (געקענט) נוצן דעם כלל פון „טומאה הותרה", איז ווייל דעמולט האָט געדאַרפט זיין דער חינוך המקדש מחדש, און ביים אויפמאַכן אַ נייע קדושה זאָגט מען ניט טומאה הותרה כו'].**

**קען מען זאָגן, אַז עד"ז איז אויך בנוגע איסורי שבות במקדש:**

**חכמים האָבן מתיר געווען שבות במקדש אין פאַלן וועלכע זיינען**

---

21) ראה רמב"ם הל' ביאת מקדש פ"ד ה"ט. ובכ"מ. וראה לקו"ש חט"ז ע' 238.

22) יבמות ו, א. רמב"ם הל' ביהב"ח פ"א הי"ב (בנוגע ליו"ט, וכ"ש שבת).

23) וראה גם רש"י ורמב"ן ריש פרשתנו.

24) להעיר מאיסור הבאת חולין לעזרה (ראה אנציקלופדיא תלמודית כרך טו ע' חולין שנשחטו בעזרה ס"ד, וש"נ).

25) גליוני הש"ס (להר"י ענגל) לשבת כא, ב. וראה אנציקלופדי' שבהערה 16.

פארבונדן מיט עבודה במקדש אָדער מלאכה בו; משא״כ ווען עס רעדט זיך וועגן גוף בנין המקדש (כולל — כבודו), האבן חכמים (וואָס „מעין דאורייתא תיקון״[26]) ניט מתיר געווען קיין שבות, דאָס אויפמאַכן (אָדער — מוסיף זיין, פאַרשטאַרקן) די קדושה פון דעם בית המקדש דאַרף ניט געטאָן ווערן דורך אַ מעשה של שבות.

ח. בנוגע דעם טעם וואָס די הלכות פון שמירת וכבוד המקדש האָט דער רמב״ם אַריינגעשטעלט אין הלכות בית הבחירה (ועד״ז דאָס וואָס רבינו הקדוש האָט קובע געווען די דינים פון שמירת המקדש (אויך) אין מסכת מדות וואָס ענינה זיינען די מדות הבית און ניט (בלויז) דאָרט וואו עס רעדט זיך וועגן די עבודות הנעשות בו) — האָט זיך גע־רעדט במק״א[27]:

די מצוה פון בנין ביהמ״ק איז דער חיוב — ניט פעולת הבנין, נאָר די תוצאה פון דער פעולה — דער נפעל, „שיהי׳״, אַז עס זאָל זיין אַ ביהמ״ק (ווי דער ראָגאַטשאָווער איז מבאר בארו־כה[28]).

לפי״ז איז מובן פאַרוואָס שמירת המקדש איז אַ טייל פון הלכות בית הבחירה, ווייל אויך די שמירה איז פועל עס זאָל זיין („שיהי׳״) אַ ביהמ״ק — אַ בית של כבוד, אַ מקום ראוי צו זיין אַ בית הבחירה.

לויט דעם קומט אויס, אַז אויך דאָס וואָס די כהנים זיינען בודקין בכל יום במקדש משום כבוד המקדש (כנ״ל), איז ניט נאָר אַ הכנה והקדמה צו עבודת היום, נאָר איז (אויך) אַ המשך וחלק פון בנין המקדש — די בדיקה איז ע״ד „בדק הבית״, דער בית ווערט מער מכובד ומהודר.

און עפ״ז איז מובן פאַרוואָס מען זאָגט דאָ ניט דעם כלל פון „אין שבות במקדש״: וויבאַלד די בדיקה איז אַ טייל פון בנין המקדש, ביי וועלכן תורה זאָגט אַז ער איז ניט דוחה שבת, דערפאַר האָבן חכמים מתקן געווען („כעין דאורייתא״) אַז דאָס זאָל ניט דוחה זיין זייער איסור (שבות).

ט. עפ״ז יש לקשר דעם סיום פון הלכות בית הבחירה מיט התחלתן — דנעוץ סופן בתחלתן:

אין אָנהויב פון הל׳ ביהב״ח איז דער רמב״ם קובע דעם גדר פון מצות בנין ביהב״ח — „לעשות בית לה׳״ (ניט לבנות) — וואָס דערפון לערנט מען אָפּ[28], אַז די מצוה איז (ניט די פעולת הבני׳, נאָר) די תוצאה, אַז עס זאָל זיין אַ „בית לה׳״ — מיט אַלע פרטים וואָס אַזאַ בית דאַרף האָבן —

און דער (זעלבער) ענין ווערט מודגש אין דעם לעצטן פרק פון הל׳ ביהב״ח: מהאי טעמא, כנ״ל, איז אויך שמירת המקדש אַ חלק פון „בית הבחירה״, ביז צום סיום הענין (ווי דאָס קומט אַרויס אין סיום הל׳ בית הבחירה), אַז מצד דעם וואָס עס איז אַ פרט אין (בנין בנוי פון) „בית הבחירה״, איז עס ניט דוחה שבת, כולל — אויך ניט קיין שבות.

יו״ד. דער ביאור הקשר פון תחלת הל׳ ביהב״ח וסיומן — בפנימיות הענינים:

---

26) פסחים ל, ב. ושי״נ.

27) לקו״ש חי״ג ע׳ 58 ואילך. חי״ח ע׳ 464.

28) ראה צפע״נ מהדו״ת (ג, ב. עז, א). עה״ת פרשתנו ע׳ קסה־קסו. ושי״נ.

מ'האט גערעדט כמה פעמים[29], אַז אע"פ וואָס מיטן בנין המשכן ובית ראשון ושני האָט מען מקיים געווען די מצוה פון „ועשו לי מקדש"[30] — איז עס אָבער ניט געווען אין אַן אופן פון בנין הבית בתכלית השלימות; דאָס וועט זיך אויפטאָן ביים מקדש אד' כוננו ידיך, בית השלישי וואָס וועט זיין אַ בית נצחי[31].

און דאָס איז אויך דער טעם (הפנימי) וואָס די לעצטע הלכה פון הל' ביהב"ח רעדט וועגן דעם סדר (פון בדיקת העזרה) אין מקדש ביום השבת — לרמז, אַז דער סיום ו„שלימות" פון בית הבחירה איז אין דעם מקדש וואָס וועט זיין (לעתיד לבוא —) אין דעם יום שכולו שבת[32].

קען מען דאָך מיינען, אַז וויבאַלד די שלימות הבית וועט ערשט זיין לעתיד לבוא, איז ח"ו אונזער איצטיקע עבודה ניט תופס מקום, האָט ניט קיין חשיבות ח"ו —

באַוואָרענט דער רמב"ם, אַז אדרבה — „בלילי שבת אין בידם אור אלא בודקין בנרות הדלוקין שם מערב שבת":

אין דעם זמן פון „(יום שכולו) שבת" איז „אין בידם אור" — „נר מצוה ותורה אור"[33], זיי זיינען „שנים אשר תאמר אין לי בהם חפץ"[34]; און די ליכטיקייט וואָס איז דעמולט דאָ נעמט זיך דוקא פון די נרות (מצות) וואָס מ'האָט אָנגעצונדן „מערב שבת" — אין זמן הגלות.

די שלימות פון בית השלישי[35] איז וואָס דעמולט וועט נתגלה ווערן דער עילוי פון דער איצטיקער עבודה — מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות[36].

און דאָס גיט אַ זירוז ועידוד אין דער עבודה פון אַ אידן צו אויפשטעלן דעם מקדש ומשכן רוחני ביי זיך — „ושכנתי בתוכם — בתוך כל אחד ואחד מישר־אל"[37] —

וואָס דאָס ברענגט דעם בנין בית המקדש השלישי, בגאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש.

(משיחות ש"פ דברים וש"פ עקב תש"מ, ש"פ דברים תשמ"א)

---

29) ראה לעיל ע' 161 ואילך. וש"נ.
30) תרומה כה, ח. רמב"ם ריש הל' ביהב"ח.
31) זח"ג רכא, א. ועד"ז שם ח"א כח, א.
32) סוף מס' תמיד.
33) משלי ו, כג.
34) קהלת יב, א. וראה שבת קנא, ב.
35) בלילי שבת — אבל לאח"ז בא אור היום כו'. ואכ"מ.
36) תניא רפל"ז.
37) ראשית חכמה שער האהבה פ"ו (ד"ה ושני פסוקים). של"ה (ש' האותיות אות ל. ועוד). ובכ"מ.

# ויקהל ב

א. אין זהר פון היינטיקער פרשה[1] ווערט דערציילט, אז איינמאל, ווען די „חברייא" פון ר' שמעון בן יוחאי זיינען ביי אים געווען און גערעדט ענינים פון סודות התורה, האט רשב"י געזען אז ר' יוסי „הוה מהרהר במילי דעלמא". האט ער אים געזאגט: „יוסי קום אשלים דיוקנך דאת חד חסר בך" — רשב"י האט געזען, אז מצד דעם וואס ר' יוסי האט מהרהר געווען „במילי דעלמא", איז געווארן א חסרון אין זיין „דיוקן", איין אות (פון זיין נאמען[2]) „חסר בך".

דערנאך „קם ר' יוסי וחדי במילין דאורייתא . . אסתכל בי' ר' שמעון א"ל ר' יוסי השתא אנת שלים . . ודיוקנך שלים" (און ר' שמעון האט געזאגט דערנאך א תורה אויפן פסוק[3] „ויעשי[4] את ציץ גו'").

אין פלוג איז דער סיפור תמוה ביותר: ווי קען זיין, אז ר' יוסי, וואס איז געווען פון די גדולי התנאים[5] און געפינענדיק זיך במסיבת רשב"י וחברייא שלו ביי וועלכער מ'האט גערעדט רזי תורה, זאל בשעת מעשה מהרהר זיין „במילי דעלמא"?!

און אויב מ'וועט געפינען א הסברה אז דאס וואס ר' יוסי האט מהרהר געווען „במילי דעלמא" איז געווען אין אן אופן וואס איז אויסגעהאלטן ע"פ תורה (ביז אז צוליב דעם איז רעכט צו מפסיק זיין דעם הערן די רזי תורה וואס האבן זיך דאן גערעדט)[6] — איז שווער לאידך גיסא: פארוואס איז ביי אים דורכדעם נחסר געווארן אן אות פון זיין נאמען?

ב. לכאורה קען מען דאס מבאר זיין — על יסוד דעם ביאור פון טאטן אין זיינע הערות אויף זהר (כדלקמן סעיף ג) — ובהקדים:

אע"פ אז ר' יוסי איז געווען פון די „חברייא" של רשב"י[7], וואס ביי זיי איז (בכלל) געווען „תורתן אומנותן"[8], איז ער[9] אבער ניט געווען (עכ"פ — בכל הזמנים) אין דעם סוג פון נאר „עוסקין בתורה", וואס זיינען ניט מפסיק זייער לערנען אויף צו עוסק זיין אין אן אומנות („מילי דעלמא"), ווי עס ווערט דערציילט אין גמרא[10] אז „שלחא הוה" („אומן לעבד אורות"[11]).

אויך געפינט מען אז ר' יוסי האט זיך עוסק געווען אין צרכי ציבור (לדוגמא — די פארשידענע תקנות וואס ער האט איינגעפירט אין צפורי[12]).

---

1) ריז, ב.

2) כ"ה בלקוטי לוי"צ לזהר כאן (ע' קנח). ובאור החמה כאן: נסתלק ממנו סוד י' של רבי.

3) פקודי לט, ל. — השייכות דתורה זו כאן ראה לקולוי"צ לזהר כאן (ע' קס).

4) כ"ה בזהר לפנינו. ובכתוב — „ויעשו".

5) ראה עירובין נא, א. רש"י סוכה כו, א. ועוד. וראה סדר הדורות בערכו, וש"נ.

6) וכדמוכח מזה גופא שרשב"י הוכיחו רק בזה ש„את חד חסר בך", ולא — שהי' ענין של ביטול תורה ח"ו.

7) זח"ג (אד"ר) קכז, ב.

8) שבת יא, א.

9) כמו שמצינו בכו"כ תנאים ואמוראים. וראה שבת שם: א"ר יוחנן . . כגון אנו מפסיקין כו' (וברש"י שם: הואיל ומפסיקין תורתנו לאומנתנו). ולהעיר מרמ"א או"ח ס"צ סי"ח (ושו"ע אדה"ז שם סי"ז). מג"א ואדה"ז שם סו"ס קו.

10) שבת מט, ריש ע"ב.

11) רש"י שם.

12) סנהדרין יט, א. ועוד.